# פרשת תבוא

## משיחת י"ט כסלו ה'תשד"מ

**רשימה פרטית – בלתי מוגה**

דער אויפטו פון דעם אַלטן רבי'ן:

אז ס'איז געווען דער לימוד התורה, ביז רזי דרזין, ביי יחידי סגולה, זינט מתן תורה אָן. דערנאָך איז דאָס געוואָרן אָבער אין דערויף, אַז "מעשה מרכבה" האָט מען געלערנט מערניט ווי "ביחיד". דערנאָך איז געוואָרן, בזמן רשב"י, איז געוואָרן "ארובות השמים נפתחו", איז געווען בדורו אַן אויסנאַם, אַז ס'איז געווען "אפילו רביא", אפילו בחורים ותינוקות, האָבן אויך געלערנט פנימיות התורה.

דערנאָך איז דאָס ווייטער נתעלם געוואָרן,

אָבער ניט ח"ו אַז ס'איז ניט געווען דער לימוד – נאָר ס'איז געווען דעמולט "רשב"י וחבריו" וואָס ס'איז געווען "תורתו אומנתו", און ער האָט געזאָגט, אַז זיין לימוד התורה איז אין אַן אופן פון "בי' אתקשרנא" ו"בי' אתלהטנא", וואָס זיין לימוד איז געווען דער לימוד פון **פנימיות התורה**.

ביז וואַנענט ס'איז געקומען דער אריז"ל און האָט **מגלה** געווען, אַז בזמנו איז געקומען די צייט, אַז מ'מוז **מגלה** זיין "זאת החכמה",

און וויבאַלד אַז דער דור **פאַרלאַנגט** דאָס: מצד ירידת הדורות – "אכשור דרא – בתמיה" – קען מען ניט אויסקומען מיטן מדה פון "תורה אור" וואָס ס'איז געווען ביז דעמולט, דערפאַר וואָס דער חושך איז געוואָרן גרעסער – האָט מען געמוזט מגלה זיין "זאת החכמה", וואָס דאָס גייט דאָך אויף חכמת האמת שבתורת אמת, אין אַן אופן אַז דאָס זאָל זיין **בגלוי**.

אעפ"כ איז דאָס נאָך ניט געווען ביז אין "**חוצה**" אַריין, וואָרום דעם "חוצה" האָט מען מאיר געווען דורך דעם אור וואָס איז געווען אין דעם אָרט וואָס מ'האָט אים מגלה געווען, און מ'האָט ניט געדאַרפט אָנקומען ברענגען אַהינצו דעם חלק התורה רזי דרזין,

אָבער ס'איז אַלעמאָל; "לא פסקה תורה מאבותיו במצרים" גייט דאָך דאָס על כל חלקי התורה, עאכו"כ אַז דאָס גייט אויף "**נשמתא** דאורייתא", ווי רשב"י ז"ל איז מפרש אין זהר פרשה "בהעלותך את הנרות", אַז רזי דאורייתא זענען "נשמתא דאורייתא"] – איז דאָך אַ זיכערע זאַך, אַז די נשמה האָט זיכער מחי' געווען כל חלקי התורה, און דורך דערויף – כל אחד ואחת מישראל.

ס'איז אָבער געווען אין אַזאַ אופן, אַז זי האָט מאיר געווען ביי יחידי סגולה, און פון זמן האריז"ל – דאָרט וואו מ'האָט מגלה געווען;

בשעת ס'איז אָבער געקומען דערנאָך, ובמשל הידוע וואָס דער בעל הגאולה, דער אַלטער רבי, האָט מסביר געווען, אַז דאָס איז אַ משל צו אַ בן מלך, וואָס ער איז געווען במעמד ומצב בריא, דערנאָך איז ער געוואָרן אַ חולה, און מ'האָט געזאָגט דעם מלך, אַז מ'דאַרף אָנקומען – לרפואתו –



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת תבוא

אַז מ׳זאָל נעמען די אבן יקרה שבכתר המלך, וואָס אין דעם אבן איז תלוי דער יופי און דער יוקר פון דעם כתר המלכות,

איז כל זמן דער חולה איז נאָך ניט געווען עד כדי כך, האָט דער מלך אויף דערויף געזאָגט, אַז זאָל מען זיך פּרואוון אויף אַנדערע וועגן;

בשעת ס׳איז אָבער אָנגעקומען און געזאָגט דעם מלך, אַז דער מצב פון דעם בן מלך איז, אַן ענין וואָס דאָס איז נוגע בחייו – האָט ער ניט נאָר מתיר געווען מ׳זאָל נעמען דעם אבן שבכתר המלכות, און מ׳זאָל דאָס צורייבן, און אַריינמישן דאָס אין וואַסער, און פּרואוון זיך גיסן אין דעם בן מלך, ובלשון המשל: אפשר וועט אַ טיפּה אַריינגיין בפנימיות און וועט אים מחי׳ זיין,

און בשעת מ׳פרעגט: וואָס איז דאָ געוואָרן דער שינוי? – איז דער ענטפער בפשטות, אַז דער גאַנצער ענין הכתר, מיט אבן שבכתר, מיט׳ן יופי און די פעולת הכתר – איז פאַרבונדן מיט דער מציאות פון בן מלך!

און אָט דעמולט, בשעת ס׳איז נוגע צו זיין מציאות, איז אָט דעמולט, ניט נאָר "מותר לגלות זאת החכמה", און ניט נאָר אַז דאָס ווערט אַ ציווי אין חוגים מסויימים, אע"פ וואָס דאָס איז חוגים רחבים, ואדרבא – דוקא אין "חוצה", וואָס דאָרט איז דאָך דער חשש און די סכנה – "פּיקוח נפש" רוחני – ביתר שאת וביתר עוז, מוז זיין דאָרטן דער ענין, אַז ס׳זאָל אָנקומען אַהינצו, טאַקע צעריבן און צוזאַמענגעמישט וכו׳,

וואָס דאָס איז דאָך אויך וואָס בפשטות דאַרף מען דאָך באַוואָרענען, אַז אע"פ וואָס מ׳איז מסביר מיט די אַלע דוגמאות ביז "מבשרי אחזה אלוקה" – רזין דרזין דאורייתא – דאַרף מען גלייך באַוואָרענען, אַז דאָס איז מערניט ווי אַ **משל**, און ס׳קומט ניט צו דעם נמשל, ביז להבדיל כמה וכמה עילויים ומעלות ודרגות.

וואָס דאָס איז דאָך אויך דער לימוד און אָנגעוויזן גלייך ביי מתן תורה, וואָס דעמולט זאָגט מען דאָך אויך – ווי דער רמב"ם ברענגט אַראָפּ בספרו – "ידי השם" און "עיני השם" וכיו"ב, וואָס דאָס איז דאָך מערניט ווי אַ **משל**; "דברה תורה כלשון בני אדם".

נאָר דאָ איז צוגעקומען, אַז דברה תורה אין **רזין דרזין**, אַז מ׳איז אויך מסביר די רזין דרזין – בלשון בני אדם.

און דאָס ווערט אַ דבר הכרחי, ווי דער משל פון דעם אַלטן רבי׳ן, פון דעם בעל הגאולה, וואָס איז שוין אָפּגעדרוקט בפרטיות און ס׳איז שוין מפורסם.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.